## 5.

# ווי מען בעדיענט מאַטקע׳ן.

יעדען שבת איז מאַטקע ווי דער מנהג איז געווען ארויסגעגאַנגען שפּאַציערען מיט זיינע „נקבות“ איבער׳ן שטאָדט, געפיהרט זיי אין זאַקסישען גאַרטען, אָדער אין אידישען טהעאַטער, ווען דאָס אידישע טהעאַטער האָט געשפּיעלט איינע פון די גוטע שטיקער, וואו קינדער האָבען געזונגען א סך ליעדלאך, און וואו מען האָט פיעל מאָל קדיש געזאָגט. דעם שבת ווי יעדען אַנדערען, האָבען די מיידלאך, מאַטקע׳ס נקבות, פאַרבערייטעט זיך צום שפּאַציער. וואָרום שבת ביי טאָג איז געווען דער פרעהליכסטער אדן פרייעסטער טאָג פון זייער לעבען, ווען זיי געהען אויס אויף דער ליכטיגער וועלט, ניט געלד צו פערדיענען, נאָר פאר פערגעניגען, און טהוען זיך אָן נישט צוליעב פּרנסה נאָר פאר זיך און גוטע פריינד.

אין רויטען וועלפיל׳ס „הייזעל“ איז פון דער פריה אָן שבת געווען א גרויסע בעוועגונג. די מיידלאך האָבען זיך פאַרבערייטעט צום שפּאַציער, זיי האָבען געפּרעסט די בלוזקעס, אויסגעזוכט זיך די שעהנסטע קליידער און בעראַטהען זיך איינע מיט די אַנדערע וואָס אָנצוטהאָן. נאָר מעהרסטענס האָבען די מיידלאך פאַרבערייט מאַטקע׳ן צום שפּאַציער. איינע האָט איהם א העמד אויסגעפּרעסט, די צווייטע האָט איהם די הויזען אויסגעפּרעסט. אָן אַנדערע די סאַמעטענע וועסט געריינינט, און נאָך אָן אַנדערע די שטיוועל איהם אָפּגעפּוצט. וואָרום וואָס שעהנער און עלעגאַנטנער מאַטקע איז געגאַנגען אָנגעטהאָן ווען ער איז מיט זיי ארויס אויפ׳ן שפּאַציער, אלס בכבוד׳ער איז עס געווען פיר זיי, אלס שטאָלצער האָבען זיי זיך געפיהלט.

אז די מיידלאך זיינען שוין געווען אָנגעטהאָן, זיינען זיי אריין צו די קראַנקע פּאַפּיראָסען־מאַכערין, אז זי זאָל זיי בעקוקען און מבינות זאָגען. די פּאַפּיראָסען־מאַכערין איז ווי תמיד געזעסען ביים פענס־

טער און דאס הארץ זיך דערכאפט מיט שאלעכץ פון א פאמעראנץ. די קינדערלאך פערשמוצט די פנים'לאך און די נעזלאך מיט דעם שבת'־דיגען עסען אין די נייע שבת'דיגע קאשקעטלאך זיינען געזעסען אויף דער ערד און האבען זיך געשפיעלט אין ביינדעלאך. און מלך פאפיראס־ניק, וועלכער איז אליין געווען אמאל א חסיד'ישער יונגערמאן, נאר היינט פאריאגט א גאנצע וואך אין פרנסה, האט שבת זיך אבגערוהט, געזעסען אין די גאטקעס און האט געזאגט פרק.

די מיידלאך זיינען אריינגעקומען אנגעטהאן אין בלויע קארטען־קליידלאך מיט אטלעסנע אונטערפאלדען, און געוויזען דאס קראנקע ווייבעל די העטס מיט די פיעלע פעדערען און בלומען, די נייע קאמא־שען, און געבעטען אויף זיך מבינות זאגען. דאס קראנקע ווייבעל האט דערפון הנאה געהאט. אליין גאר נישט געהאט וואס אנצוטהאן און איז שוין ניט געווען אין דרויסען זייט יאהרען, האט זי גרויס הנאה גע־האט צו רעדען פון מאדעס, אין וועלכע זי איז אמאל מיידעלוויז גע־ווען א גרויסע בריה'טע, מבינות געזאגט, אז דאס שטעהט ניט גוט, און די קאלירען פאסען נישט און אליין זיך נישט געשעהמט אנצופרובירען די העטס אויף איהר שבת'דיגען שייטעל און געל פנים און געטראכט ביי זיך מיט קנאה: ווען זי האט אזוינס אנצוטהאן, וואלט זי נאך היינט געווען א שעהן ווייבעל און וואלט אין גאס ארוים שפאצירען כאטש קראנקערהייד.

— די פאלדען זיינען דאך צו ברייט, רייזעלע, זאגט זי צו א מיידעל, וועלענדיג כאטש א שטאך געבען יענע וואס זי איז צו דין.

— א, היינט טראגט מען אזוי. אלע פאניעס אויף די מארשאל־קאווסקי גאס טראגען אזעלכע.

דער איד, מלך פאפיראסניק איז בייז געווען וואס די „טמאות“, די מיידלאך פון די הייזלעך פערקעהרען ביי איהם אין שטוב און זיין ווייב האלט זיך אונטער מיט זיי. אבער ער האט זיך גאר נישט גע־קענעט העלפען. ער האט געוואהנט מיט זיי אין שכנות, הויז ביי הויז, און די מיידלאך האט עס געצויגען צו איהם אין שטוב אריין וואו זיי קענען אריינקומען אלס שכנות און פריינד. עס איז נישט געווען פאר זיי די טהיר צו פערמאכען. און אפט מאל האט מען פון זיי א טובה געהאט. א חוץ וואס זיי האבען די קינדער געטהיילט צווייערס אדער געקויפט געבעקס און פלעגען דאס ווייבעל העלפען אין בעלי־הבתיש־

קיים, האָבען זיי אונטערגעהאַלטען זיין האַנדעל מיט די געהיימע פּאַ־פּיראָסען און פערקויפט צו די געסט וואָס זיינען געקומען צו זיי. די טובות האָבען געפיהרט צו פריינדשאַפט, נישט קוקענדיג אויף די פּראָ־פעסיע וואָס זיי פערנעהמען. איבריגענס ביים פּאַפּיראָסניק אין שטוב האָט מען גאָר געהאַט פערגעסען מיט וואָס די מיידלאַך פערנעהמען זיך. זיי האָבען זיך אויפגעפיהרט ווי גוטע שכנ'טעס און ווי אַנדערע גע־וועהנליכע מענשען. און דער פּאַפּיראָסניק איז מיט דער צייט דערצו אַזוי געוואָהנט געוואָרען, אַז ער האָט אויך פערגעסען, אַז די מיידלאַך זיינען „טמאות". אַפּטמאָל האָט ער בעשטימט צו וועקסלען די וואָה־נונג, כדי פּטור צו ווערען פון די שכנות'שאַפט. נאָר קיין געלד איז נישט געווען אויף איבערצוציהען זיך. קיין אַנדער וואָהנונג האָט זיך נישט געמאַכט, און מען איז שוין פּשוט געווען צוגעוועהנט צו די טובות....

נאָר שבת האָט עס איהם פערדראָסען מעהר ווי אין אַנדערס מאָל, ווען ער זאָגט פּרק, קומען זיי, די „טמאות", אריין. האָט ער זיך פער־דרעהט, און איינגעטונקט זיך אין סדור און געזאָגט מיט אַ זינגענדיגען נגון.

„על שלשה דברים העולם עומד", אויף דריי זאַכען שטעהט די וועלט....

און די מיידלאַך האָבען זיך צוגעהערט צו דעם בעקאַנטען היימי־שען נגון און האָבען זיך גוט געפיהלט ווי אין דער היים.

אַם מעהרסטען האָט די „לאָוויטשערין" שבת נאָכמיטאָג ליעב גע־האַט צו פערברענגען ביים פּאַפּיראָסניק. זי איז געווען אַ פרומע טאָכ־טער פון דער היים. איהר פאָטער איז נאָך ביז היינט אַ מלמד אין לאָוויטש. זי האָט זיך געהאַט פערליעבט אין אַ פריזירער, דער פאָטער האָט זי דוקא געוואָלט חתונה מאַכען עפּעס דאָרט פאַר אַ אויסגעווייק־טען אָרים בחור פון בית־המדרש. פערדיענט האָט זי געלד פאַר זיך, אַ זאָקען־מאַכערין געווען. האָט זי דער פריזירער געהאַט אַנגערעדט און זי איז אַנטלאָפען מיט איהם קיין לאָדז. דאָרטען האָט ער זי ער־גענץ וואו אריינגעגעבען, פון וואנען זי איז דאָ אַהער געקומען אין „היי־זעל". היינט בעדויערט זי שוין נישט און נישט זי פערעהט זיך. יעדער האָט זיין אונגליק. און קיינעם קומט נישט אָן די פּרנסה גרינג. נאָר זי האָט געהאָפט אַמאָל נאָך פון דאַנען ארויסצוקומען און חתונה האָבען

מיט אן ארענטליכען מענשען, און זי האט געהאלטען אין איין זאמ־לען וועש אויף א אויסשטייער. זי האט דאס געהאט א בעזונדערע ליע־בע צו דעם פאפיראסניק, צו זיין פאמיליע, און אז עס איז געקומען שבת, האט זי ליעב געהאט צו הערען ווי ער לייענט פרק, עס האט זי דער־מאהנט אן פאטער אין דער היים, און אפשר אן איהר אייגענעם לעבען, וואס האט איהר טהיילמאל אויפגעשיינט פאר די אויגען ווי א חלום....

דערווייל האבען זיך אלע מאטקע'ס נקבות פערזאמעלט אננע־טאנענרהייד ביי דער „שפאנערין" און געווארט אויף מאטקע'ן.

עס זיינען געווען פיער מיידלאך: די שפאנערין און נאך דריי וואס מאטקע האט זיך „ערוואָרבען" און געהאלטען זיי אין פערשיע־דענע הייזלאך אין דער שכנה'שאפט ארום. זיי זיינען אלע אריינגע־קומען צו די „שפאנערין", ווייל זיי האבען געוואוסט, אז מאטקע האלט די „שפאנערין" פאר זיין הויפט נקבה, און זי איז מעהר מיוחסת פאר זיי אלעמען, ווייל זי געהט נישט אויף דער גאס, נאר אין האטעלען, און מאטקע קויפט איהר שעהנערע אנצוגען ווי אלע אנדערע.

עס איז שוין געווען שפעט און מאטקע איז נאך נישט געווען. שלמה'לע שלאָסנ־העקער איז שוין דא געווען, און האט צוזאמענגע־נומען זיינע מיידלאך: די גאסטענינערין, די „יאטילע" און די „בלאנ־דע ראזע". (די „לאוויטשערין" האט נישט געוואלט געהן. זי איז אי־בערגעבליעבען ביים פאפיראסניק און איינגעהערט זיך ווי ער זאגט פרק מיט דעם גמרא נגון). די מיידלאך, מאטקעס כלות האבען אונגע־דולדיג ארויף און אראב געדרעהט זיך, געקוקט פון די פענסטער, פון די שטיגען און אנגעגרייט איהם די העמד, דעם אנצוג, די שטיוועל, דעם קראוואט, אבער מאטקע געהט ניט. די „שפאנערין" האט אויס־געטהאן דעם הוט מיט די רויטע רויזען, און האט זיך געשווארען אפילו אז ער זאל צוזעצט ווערען, וועט זי אויך שוין ניט געהן מיט איהם שפאציערען.

— ווּעסט דיך לאזען איבערבעטען. אז ער וועט דיך בעטען, וועסט געהן — האבען די אנדערע מיידלאך געזאגט, ניט אהן קנאה, וואס זי איז די „געליעבטסטע".

דערווייל איז מאטקע אריינגעקומען אין קאפע הויז. אין קאפע הויז איז קיינער איצט נישט געווען, און איינמאל פאר א גאנצע וואך האט דער סאמאוואר וואס איז געווען איינגעמויערט אין א קעסעל נישט

געזידט. מאמקע האט אריינגעקוקט אין פינסטערן אלקעריל און האט בעמערקט חנה'לע איז געזעסען ביים פענסטער און האט געלעזען א ביכעל. זי האט זיך שטארק פערוואונדערט וואס קאנאריק טהוט יעצט, אין אזא צייט, אין קאפע הויז, ווען קיינער איז ניטא, נאר זי האט זיך ניט געמאכט זעהען קאנאריק'ען און ווייטער געלעזען אין איהר ביכעל.

מאמקע האט זיך געדרעהט אין אלקעריל, אריינגעקוקט אין קאפע הויז, ווי ער וואלט ווערמען געזוכט. דאס מיידעל האט איהם ניט גע־פרעגט וואס ער וויל. ער איז געווען א היימשיער. און ער האט געקענט אריינקומען ווען ער האט געוואלט.

מאטקע האט זיך אומגעקוקט: די בעל הבית'טע איז ניטא. די בעל הבית'טע מיט דעם בעל הבית זיינען געשלאפען אין דעם שטיבעל, די ברידערלאך זיינען אויך ניט געווען, נור חנה'לע אליין איז געזעסען און געלעזען.

דער יונג האט זיך געמאכט הארץ, אויסגעהוסט זיך און געמאכט א טריט צום מיידעל, אוועקגעשטעלט זיך פון דערווייטענס און גע־זאגט מיט א פערשעהמטע מינע:

— וואס לעזען זי, חנה'לע? א ביכעל?

דאס מיידעל איז נישט געוועהנט געווען, אז ווער פון די יונגען זאל זיך ווענדען צו איהר מיט אנדערע זאכען א חוץ צו דערלאנגען טהעע אדער נעהמען בעצאהלט. און געוואהנט איז זי געווען, אז אלע, סיי די יונגען, און סיי די מיידלאך, זאלען זיך פערהאלטען צו איהר אנשטענדיג. אין די בעל הבית'טעס געגענווארט האבען זיי זיך ניט געשעהמט צו רעדען די אויסגעלאסענסטע רייד, אבער ווען חנה'לע איז אריינגעקומען און די מיידלאך האבען גערעדט די מיאוס'טע רייד, האבען זיי באלד איבערגעהאקט און געזאגט איינע צו די אנדערע: „שא, א מיידעל איז דא...“ זי האט געוואוסט די פרנסה, מיט וועלכע די מיידלאך פארנעהמען זיך, נאר זי איז שוין אזוי צוגעוועהנט געווא־רען דערצו אז עס האט אויף איהר קיין בעזונדער איינדרוק ניט גע־מאכט. עס האט ניט געוועקט איהר מיידעלשע פאנטאזיע, און ניט געבראכט, אז זי זאל וועגען עפעס נאכקלעהרען. זי האט געהאלטען די מיידלאך פון די „הייזלאך“, ווי אלע שכנים, פאר „אונגליקליכע“, נאר וואס זאל מען טהאן? קיינעמס פרנסה קומט ניט אהן גרינג. און זי האט זיך בעצויגען צו זיי אייגפאך ווי צו אלע אנדערע מענשען.

דורך דעם איז איהר אזא וואונדער געווען, וואס מאטקע האט זיך פלוצ־לונג אבגעשטעלט און אריינגעקוקט זיך אין איהר לעזען, וואס ער האט עס קיינמאל ניט געטהאן.

דאס מיידעל האט איהם אנגעקוקט, אבגעענטפערט:

— א ביכעל. — און האט ווייטער געלעזען.

מאטקע איז ווייטער געשטאנען און געפרעגט:

— וואס פאר א ביכעל, א מעשה?

— יא, א מעשה, דא האבען זי, זעהען זי — האט איהם דאס מיידעל געשטעקט דאס ביכעל אין האנד אריין.

מאטקע האט געהאלטען דאס ביכעל אין האנד קאפויער, רויט געווארען, ווי א חתן־בחור און געזאגט מיט א פארשעהמטען שמייכעל:

— איך קען נישט לעזען. עפעס א שעהנע מעשה?

— יא, א שעהנע מעשה, יאסעלע — הייסט זי.

— וואס פאר א מעשה?

— א מעשה מיט א יתום, ווי ער האט ניט געהאט קיין טאטען, קיין מאמען און זיך ארומגעוואלגערט ביי פרעמדע מענשען און מען האט איהם געשלאגען אויך, — האט דאס מיידעל געזאגט און א טרעהר האט געגעבען א בליץ אין איהר אויג אויף דעם העלד פון דער מעשה וואס זי האט געלעזען.

מאטקע האט זיך א מינוט פערקלעהרט. דאס פנים זיינס איז גע־ווארען אונשולדיג ווי ביי א קינד און די אויגען ריין, און ער האט אב־געענטפערט מיט א פערלעגען שמייכעלע:

— אוי, איז עס דאך א שעהנע מעשה, איך וואלט זי געוואלט הערען.

— איך וועל זי איהן אמאל פערצעהלען.

— זי ווילען זי מיר פערצעהלען?

— יא — שאקעלט דאס מיידעל מיט'ן קאפ.

— גוט.

— חנה'לע, חנה'לע! קום נאר אריין! — האט די מאמע גערופען פון די וואהן־שטוב, מורא האבענדיג פאר מאטקע'ן.

מאטקע איז אוועק צו די מיידלאך. ער איז ניט גוט געווען דעם פיינטינגען שבת צו זיי. עס איז איהם ניט געפעלען דאס העמד וואס זיי האבען איהם אויסגעפרעסט, און דערנאך האט ער ניט געוואלט געהן

מיט אַלע מיידלאַך שפּאַציערען. עס איז ניט שעהן, זאָגט ער, מיט פיער, נור מיט צוויי און צוויי. אז ער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעטהאָן, האָט ער איבערגעקוקט די מיידלאַך, און צום ערשטען מאָל עפּעס איז איהם ניט געפעלען ווי זיי געהען אָנגעטהאָן, געהייסען אראָפּווייסען די גרויסע פעדערען פון די קאַפּעליושען. די מיידלאַך האָבען איהם אָנ-געקוקט ווי משוגע. נור פערפאַלען. ער האָט געהייסען. ער האָט זיי געפיהרט, נים ווי תמיד, פיער אין איין שערענגע, נאָר צוויי און צוויי, ווי גענז, אין זאַקסישען גאַרטען אריין. די „אַוויצאַווע אַלעע“ אין גאָרטען איז פול געווען מיט שפּאַציערענדע. יונגען און מוידען פּיעל אויף אַלע בענק, צווישען די בוימער און אויפ'ן ברייטען וועג. מאָטקע איז פאַרביי מיט זיינע כלות. די מיידלאַך זיינען געווען שטאָלץ, גרויס ביי זיך וואָס מאָטקע פיהרט זיי.

מאָטקע האָט געהאַלטען די הענד אין די הויזען קעשענעס, דעם הוט פערוואָרפען אן א זייט און געבויגען דעם בליק צו דר'ערד. פון דער אָפענער וועסט האָט זיך ארויסגעריסען דאָס ווייסע געפּרעסטע העמד, וואָס די מוידען האָבען עס אזוי שטייף אויסגעפּרעסט ווי א ברעט-טעל. קיין קראַגען האָט ער ניט געטראָגען, דערפאַר א רויטען, שמאָ-לען, לאַנגען קראַוואַט, וואָס א מויד האָט איהם אויסגענעהט פון א רויטען באַנד, און זיינע גלענצענדיגע חאַליאַוועס האָבען געפינקעלט פון דערווייטענס.

דער עולם האָט איהם געקענט און איין יונג האָט געשטופּט דעם צווייטען: „זעהט, זעהט, קאַנאַריק געהט מיט זיינע כלות!“

די מיידלאַך האָבען געוואוסט, אז מען קוקט זיי נאָך און זיי זיי-נען שטאָלץ געווען דאַרויף.

אויפ'ן שפּאַציער האָט ער זיך אָנגעטראָפען מיט שלמה'לע שלאָ-פען-העקער. יענער איז אויך געגאַנגען מיט זיינע כלות. נאָר קאַנאַריק'ס כלות זיינען געגאַנגען שעהנער אָנגעטהאָן און זיינען געווען שטאָלצער, און יענע מיידלאַך האָבען זיי מקנא געווען, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אז קאַנאַריק פיהרט זיינע נקבות אין טהעאַטער און שלמה'לע שלאָפען-העקער זשאַלעוועט א גראָשען, זאַמעלט זיך א פערמעגענס חתונה צו האָבען.

די יונגען האָבען זיך אָנגעקוקט. מאָטקע האָט אויפגעהויבען די אויגען און געקוקט אויף שלמה'לען מיט א שפּאָטישען געלעכטעריל, און

שלמה'לע האט אויסגעמידען זיין בליק און איהם ניט געוואלט זעהן.

מאטקע האט ניט לאנג פערבראכט אין גארטען. ער האט נע־פיהרט זיינע כלות אין אידישען טהעאטער אויף קאראווע גאס. דער יונג וואס פערקויפט בילעטען אין דער קאסע האט קאנאריק'ען גוט געקענט. איבערהויפט איז מאטקע געווען אן אנגעלעגטער גאסט אין אידישען טהעאטער. ער האט בעצאהלט מיט רובעלס פאר בילעטען פאר זיך מיט זיינע כלות, וואס מען איז עס גארניט געוואהנט געווען אין אידישען טהעאטער. דער וויצע־דירעקטאר, א דיקער יונג, מיט א פאאר שווארצע צייהן און א גאלדענע הארפע אין דעם לאץ פון זיין ראק איז איהם אנטקעגען געלאפען און אלע אנגעשטעלטע זיינען איהם אנטקעגען געלאפען און אנגעוויזען איהם די פלעצער און גערעדט צו איהם פויליש „פראשע פאנא". אין אידישען טהעאטער האט מען גע־שפיעלט א שטיק, וואס מען האט א סך געזונגען און אינגלאך האבען קדיש געזאגט. מאטקע'ס כלות האבען דערביי געוויינט און געווישט זיך די טרעהרען מיט די זיידענע טיכלאך פון די אנגעפודערטע בא־קען. מאטקע איז ארויס אין בופעט און געקויפט זיינע כלות טשאקא־לאדס, און געהייסען געבען א יונג פון טהעאטער, אן אקטיאר, אדער א וויצע־דירעקטאר, א טרונק בראנפען ביים בופעט, אוועקגעזעצט זיך ערנסט און צוגעהערט זיך צו די ליעדלאך וואס זיינען איהם זעהר געפעלען.

נור אם מעהרסטען איז איהם געפעלען דער קאמיקער און די אינגלאך וואס האבען קדיש געזאגט. ער האט זיי געהייסען ארויפשיקען אויף דער ביהנע טשאקאלאד.

און די מיידלאך זיינען גליקליך געווען. אלעם איז זיי געפעלען און האבען איינגעליבט זיך אין אלע אקטיארען. א גאנצע וואך האבען זיי געזונגען די ליעדלאך וואס זיי האבען געהערט אין טהעאטער, דער־צעהלט צו אנדערע מיידלאך און דעם קראנקען פאפיראסניק'ס ווייב, און חנה'לען, ווי די אינגלאך האבען קדיש געזאגט נאך זייער געשטאר־בענע מוטער, און ווי דאס קינד האט די הענטלאך אויסגעשטרעקט, און זיי האבען געווארט מיט אונגעדולד אויפ'ן צווייטען שבת, ווען מאטקע וועט זיי נאך אמאל פיהרען אין טהעאטער.

אבער מאטקע איז עפעס וואס מיט זיך ניט צופריעדען געווען, זייט ער האט זיך שבת בעגעגנט מיט חנה'לען.